בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**חַג הַפֶּסַח**

**תשפ"ה**

387

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן זֵייעֶר קִינְד?..............................א

זִיצְן בַּיים סֵדֶר נַאכְט אַלֵיין מִיט מַיין וַוייבּ?..............................ג

פוּן וֶוען אוּן בִּיז וֶוען, קֶען מֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?..............................ד

וִוי אַזוֹי פּוֹעֵל'ט מֶען בַּיי קִינְדֶער?..............................ו

פַארְוָואס צִיטֶער אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן מִלְחָמוֹת?..............................ז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן?..............................ט

וָואס אִיז דִי יְסוֹד פוּן הַצְלָחָה אִין אַ נַייעֶ בִּיזְנֶעס?..............................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דַיי מַקְפִּיד אוֹיף נְטִילַת יָדַיִם, וֶועלְן אַלֶע שְׁרֶעק אַוֶועקְגֵיין..............................א

דִי וַוייבּ טוּט זִיךְ אָן צוּ שְׁטַארְק צְנִיעוּת'דִיג..............................ב

וִוי אַזוֹי וַואשְׁט מֶען נֶעגְל וַואסֶער?..............................ב

אַז אַבִּיסְל אִיז גוּט, וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד..............................ג

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אַלֶעס צוּרִיק גֵיין צוּם גוּטְן..............................ד

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט..............................ו

רֶעד צוּ אִיד וִוי אַ קֶענִיג רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיגְן..............................ז

קוֹיף פַאר דַיין וַוייבּ דִי סָארְט קֶערִידְזְשׁ וָואס זִי וִויל..............................ח

זָאלְסְט פָארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אוּן שְׁטַייט..............................ח

טוֹיזְנְט דָאלֶער פַּאר אֲשֶׁר בְּנַחַל, פַּאר נָאךְ צְוֵויי יְשׁוּעוֹת..............................ט

זַיין גְרֵייט אוֹיף בַּארֶעדְן און פַּארְשֶׁעמֶען און אָפְּשְׁוַוייגְן ...............................י

דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר דַארְף אֵיין זַאךְ, לִיבְשַׁאפְט און וַוארֶעמְקֵייט......................יא

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג ..................................................יב

בַּאוְוילִיגְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ....................................................יג

רוּפְן און רֶעדְן מִיטְן טַאטְן יֶעדְן טָאג..............................................יג

דִי מְנִיעוֹת מַאכְט חֵשֶׁק.............................................................יד

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת?....................................... טו

אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן .............................................יז

לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְן אַ טֶעלֶעפָאן אָדֶער טֶעבְּלֶעט?............................. כ

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג ................................................כא

אַרוֹיפְלֵייגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל הַלָשׁוֹן ......................................כב

הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט טְרִינְקֶען, וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת .......................כב

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ שִׂמְחָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה...................................כג

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ טוּט מֶען אָן דִי וַוייסֶע קִיטְל.........................................כד

זָאגְן בַּיים סֵדֶר 'פִּקוּדָא בָּתַר דָא', און עֶס אִיבֶּערְטַייטְשְׁן...........................כה

וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט דוּרְךְ עֶסְן דִי מַצָּה...............................................כט

לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט גֶעלְט ........................................................כט

מִיט אַ זִיסְקֵייט זָאלְסְטוּ עֶסְן דִי מַצּוֹת ..............................................לא

דַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף דַיין שְׁמֵייכְל און גוּט וָוארְט.....................................לא

דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת....................................לב

מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בַּיי אַ אִיד ......................................לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן זֵייעֶר קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אוּנְז גֶעבְּן אַזַא זִיסֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פַאר דִי שִׁיעוּרִים, און אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בְּלִיעֶן און וַואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

מַיין יוּנְגְסְטֶער בְּרוּדֶער אִיז צֶען יָאר אַלְט, אַ שְׁטִילֶער וואוֹילֶער אִינְגל, לֶעצְטְנְס אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועז פוּן אִיבֶּערְזָאגְן גוּט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, און זִיךְ אִיבֶּערְוַואשְׁן אַ גַאנְצְן טָאג, ווִי מֶען רוּפְט עֶס (OCD) אֶהּ. סִי. דִי., מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען טַייעֶרֶע וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, זֵיי טְשֶׁעפֶּען אִים, פַארְשֶׁעמֶען אִים, און זָאגְן אִים קְרִיטִיק אָן אַ מָאס. עֶר אִיז לֶעצְטְנְס זֵייעֶר פַארְקְלֶעמְט און וֵויינְט אַסַאךְ, עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט אִינְמִיטְן טָאג, דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער און וֵויינְט; מַיין שְׁאֵלָה אִיז, צִי קֶען אִיךְ עֶפֶּעס טוּן פַאר דֶעם?

מַיין מַאמֶע אִיז אַ לֶערֶערִין אִין אַ הֵיימִישֶׁע שׁוּלֶע, זִי הַאלְט אַז זִי פַארְשְׁטֵייט דִי בֶּעסְטֶע צוּ חִינוּךְ און נֶעמְט נִישְׁט אָן וָואס אַן אַנְדֶערֶער זָאגְט. אִיךְ זָאג זֵיי גָארְנִישְׁט, וַוייל דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען טָאר גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן, צִי מֶעג אִיךְ אָבֶּער שְׁטֵיין אִין דִי זַייט און זֶען ווִי מַיין בְּרוּדֶער גֵייט צוּגְרוּנְד?

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם, און אִיךְ פְּרוּבִּיר אִים צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶוען אִיךְ קֶען נָאר, אִיז עֶס גֶענוּג?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען קְלָאר מַאכְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אוּנְז לֶערְנֶען אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט יָא רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְצֵיילְט זֵיי וָואס אִיז אוּנְזֶער צוּגַאנְג מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, אוּן זֵיי פְּרֶעגְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד אוֹיבּ זֵיי ווִילְן עֶנְדֶערְשׁ פְּרוּבִּירְן דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת דוּרְךְ אוֹיסְרִימֶען אוּן אוֹיפְהֵייבְן וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועלְן אַוֶועק גֵיין דִי סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ'.

דֶערְצֵיילְט זֵיי וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב) אַז אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת - ווֶערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן עֶרְגֶער, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ דִי סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת כַאפְּן זִיךְ אַרַיין אִין קִינְדֶער; טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן. ווַייל עַצְבוּת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "עַצְבוּת הוּא מַזִּיק מְאֹד וְנוֹתֵן כֹּחַ לְזֶה הַיֵּצֶר הָרָע הָעָב הַגַּשְׁמִי", זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט אִיז גֶעפֶערְלִיךְ פַאר דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת; דִי עֵצָה אִיז נָאר אוֹיסְרִימֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד, בִּיז דֶער קִינְד וֶועט פְרֵיילִיךְ וֶוערְן אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וֶועלְן אַוֶועק גֵיין.

פַאר אַלֶע וָואס לַיידְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן אָה. סִי. דִי. זָאלְן ווִיסְן אַז דִי עֵצָה אִיז נִישְׁט זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְּצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים כָּל מַה שֶּׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים", ווִי מֶער מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן זֵיי נָאר עֶרְגֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער;

אַזוֹי ווִי דִי עֵצָה אִיז, זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן זֵיי, אִיגְנָארִירְן דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק.

עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, אָבֶער מֶען מֶעג אוּן מֶען דַארְף הֶעלְפְן הֵיילְן אַ בְּרוּדֶער וָואס לַיידְט וְכוּ׳, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיצְן בַּיים סֵדֶר נַאכְט אַלֵיין מִיט מַיין ווַייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָאס יָאר בַּיים סֵדֶר נַאכְט וֶועלְן מִיר זַיין אַלֵיין, נָאר אִיךְ מִיט מַיין ווַייבּ. מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין בַּיי זֵייעֶר מַאמֶע, אוּן דִי קִינְדֶער פוּן מַיין ווַייבּ וֶועלְן זַיין בַּיי זֵייעֶר טַאטֶע.

עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל טְרוֹיעֶרִיג; ווִי אַזוֹי רֶעכְט מֶען אָפּ אַ סֵדֶר נַאכְט נָאר צְווֵיי מֶענְטְשְׁן אַלֵיין? אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען גֶעסְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קַיין אֵיין אִיד זִיצְט נִישְׁט פֶּסַח בַּיינַאכְט אַלֵיין, מֶען זִיצְט מִיט אַלֶע מַלְאָכִים אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹי ווִי שֵׁיין, אוֹי ווִי זִיס דָאס אִיז...

עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:), פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל מִיט אַלֶע מַלְאָכִים צוּ אַלֶע שְׁטִיבֶּער, אוּן זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי סֵדֶר נַאכְט ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם.

פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט. צַדִיקִים זָאגְן אַ טַעַם, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן פֶּסַח בַּיינַאכְט דִי ׳סֵדֶר נַאכְט׳? ווַייל עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ

הֵיילִיגְקֵייט פוּן הִימְל אוּן עֶס בְּלַייבְּט אוֹיפְן גַאנְצְן יָאר, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ פֶּסַח בַּיינַאכְט - אַזוֹי וֶועט זַיין דִי יָאר; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אוּן מַחֲלֹקֶת.

בַּיי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן דִי הַגָּדָה הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ, אוּן אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רא), אַז פֶּסַח שְׁרַייט מֶען בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיי דִי הַגָּדָה, אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען מוֹחִין צוּ וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דוּ הָאסְט קִינְדֶער אוּן זִי הָאט קִינְדֶער, אוּן אַז זֵיי זֶענֶען יוֹם טוֹב בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, הֶער נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## פוּן וֶוען אוּן בִּיז וֶוען, קֶען מֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף בֵּין הַזְּמַנִּים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן תִּיקוּן חֲצוֹת; עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין חֲצוֹת, פוּן וֶוען אוּן בִּיז וֶוען קֶען מֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

מִיט פִיל הַכָּרַת הַטּוֹב, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט חֲצוֹת, ווַייל רוֹב מָאל גֵייט מֶען שְׁלָאפְן נָאךְ חֲצוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר ווִיסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סְחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט) 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן עד).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## ווִי אַזוֹי פּוֹעֶלְ'ט מֶען בַּיי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוארְן מְלַמֵּד הָאט עֶר גֶעזֶען אַמָאל ווִי אַ קִינְד טוּט אוֹיס זַיין קָאפְּל פַּארְן גֵיין שְׁלָאפְן, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד אִין נִישְׁט אַזַא הֵיימִישֶׁע חֶדֶר, דָארְט גֵייעֶן דִי קִינְדֶער מִיט קְלֵיינֶע קַאפְּלֶעךְ, אוּן עֶס פַאלְט כְּסֵדֶר אַרָאפּ וֶוען מֶען לוֹיפְט, אָדֶער וֶוען מֶען גֵייט יֶעצְט שְׁפִּילְן אָדֶער לוֹיפְן - קֶענֶען זֵיי לְכַתְּחִלָּה אוֹיסְטוּן דֶעם קַאפְּל, אוּן דָאס הָאט מִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן אִיךְ רֶעד כְּסֵדֶר מִיט זֵיי וֶועגְן דֶעם, נִישְׁט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דָאס קַאפְּל.

מַיין טַאטֶע אִיז אָבֶּער אוֹיךְ אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט מְעוֹרֵר גֶעוֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים נִישְׁט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם קַאפְּל, אוּן אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אַ קְלַאס, זֶענֶען זֵיי שׁוֹין וַוייטֶער גֶעוֶוען אָן קַאפְּלֶעךְ; אִיז דִי שְׁאֵלָה ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן יָא אַרַיינְגֵיין אִין הַארְץ אוּן מֹחַ פוּן דִי קִינְדֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה ווָאס תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:; שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - עוֹלָם וּמְלוֹאָהּ - שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר לֶערְנֶען.

אַז מֶען ווִיל פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער - דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי אוּן מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערוּפְן

משֶׁה רַבֵּינוּ אִים בַּאפֶעלְן דִי מִצְוֹת: "וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה", זָאגְט רַשִׁ"י (וַיִּקְרָא א, א): "לְכָל דִּבְּרוֹת וּלְכָל אֲמִירוֹת וּלְכָל צִוּוּיִים", יֶעדֶע מָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט פַּאר משֶׁה רַבֵּינוּ - "קָדְמָה קְרִיאָה לָשׁוֹן חִבָּה", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶערוּפְן בַּיים נָאמֶען, וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם בַּאפוֹילְן דִי מִצְוֹת; דָאס לֶערְנְט אוּנְז, אַז וֶוען מִיר ווִילְן זָאגְן פַּאר תַּלְמִידִים ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, אוֹיב מֶען ווִיל פּוֹעֶלְ'ן - דַארְף זַיין לִיבְּשַׁאפְט.

דֶערְצֵייל דַיינֶע תַּלְמִידִים מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס אִיז מְסוּגָל פַּאר יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## פַארְוָואס צִיטֶער אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן מִלְחָמוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַלֶעמָאל רֶעדְן פוּן מִלְחָמוֹת אוּן אִיךְ צִיטֶער פַאר שְׁרֶעק. עֶס אִיז דָא יֶעצְט אַ מִלְחָמָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ מִלְחָמָה אִין רוּסְלַאנְד, אוּן אוֹיךְ זָאגְן מֵיידְלֶעךְ אִין מַיין קְלַאס אַז עֶס גֵייט זַיין נָאךְ אוּן נָאךְ מִלְחָמוֹת, אִיךְ צִיטֶער אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין נָאךְ אַ קְרִיג אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶער בַּאבֶּעס הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מַיין לֶערֶערִין אוּן זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אוּן מֶען זֶעט נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט כְּסֵדֶר מִיט אִידְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אַסאךְ מָאל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיינְפוּלֶע מַחֲשָׁבָה, 'אֶפְשָׁר שִׁיסְט מֶען? אוּן אֶפְשָׁר זֶענֶען שׁוֹין סָאלְדַאטְן אַרַיינְגֶעקוּמֶען יֶעצְט אִינְמִיטְן נַאכְט אִין אַמֶערִיקֶע?' אוּן אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ ווִיל שְׁטַארְבְּן, אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן מִיטְמַאכְן קַיין צָרוֹת.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זִינְגְט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, זִינְגְט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס״ - וֶועט אַייךְ וֶוערְן גוּט, אִיר וֶועט זִיךְ בַּארוּאִיגְן פוּן דִי שְׁרֶעק.

מוֹהֲרָא״שׁ, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, עֶר פְלֶעגְט גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי חַיוֹת, עֶר פְלֶעגְט אָנְטְרֶעפְן הִינְט וְכוּ׳, הָאט עֶר דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן חַזֶר׳ן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם״, עֶר הָאט דָאס גֶע׳חַזֶר׳ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן אַזוֹי זָאגְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע תְּנוּעָה אוּן עֶס אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, דִי נִיגוּן ״מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין״, אוּן דָאס הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אִים דִי פְּחָדִים.

דוּרְךְ חַזֶר׳ן אֱמוּנָה - וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים, אִיר וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן זִיכֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר וֶועט פוּן קֵיינֶעם מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז צוּם עֶרְשְׁט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט צוּ הֶערְן דִי הֶערְלִיכֶע טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, און אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁפִּירְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, און אִיךְ הָאבּ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, און אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מַיין הַארְץ, און בֶּעטְן אַן עֵצָה און חִיזּוּק. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִינְגֶערְמַאן, חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ בְּלִי עַיִן הָרָע, אִיךְ הֵייס אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ לֶערְן און אִיךְ דַאוֶוענֶען און אִיךְ בִּין אַ רֹאשׁ הַחֲבוּרָה, אָבֶּער לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע צוּ קוּקְן אוֹיף פְּרוֹיעֶן, אִיךְ הָאבּ כְּסֵדֶר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, און דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, וַוייל אִיךְ ווִיל זַיין אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר פָּשׁוּט נִישְׁט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע.

סְפֶּעצִיעֶל הָאבּ אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע מֵיידְל וָואס וואוֹינְט אִין מַיין גֶעגֶנְט, עֶס צִיעֶט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ אִיר, און כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס קְלָאר אַז זִי ווִיל מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען עֶטְלִיכֶע מָאל, קֶען אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן אִיר, און אִיךְ בִּין מַמָּשׁ קְרַאנְק אוֹיף דֶעם. וֶוען נִישְׁט וָואס אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא פָּאלִיצֵיי, ווָאלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג דוּרְכְגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זִיךְ דֶערְוַואגְן עֶפֶּעס צוּ טוּן וֶועט זִי גְלַייךְ רוּפְן פָּאלִיצֵיי און אִיךְ וֶועל זִיךְ טְרֶעפְן אוּנְטֶער שְׁלָאס און רִיגְל, און דָאס הַאלְט מִיךְ צוּרִיק, אָבֶּער אִין מַיין מֹחַ טְרַאכְט אִיךְ כְּסֵדֶר פוּן אִיר, און דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ מוּז צוּלֵייגְן אַז אִיךְ לֶערְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אַ פֶּרֶק אַ טָאג, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא, חוּמָשׁ, תְּהִלִּים, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם, אָבֶּער עֶס זֶעט אוֹיס אַז אוֹיף דִי זַאךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, קַיין שׁוּם זַאךְ הֶעלְפְן נִישְׁט.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע עֵצָה פַּאר מִיר, אִיךְ דַארְף אָבֶּער חִיזוּק אוֹיף דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ וֶועל אַרַיינְפַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער; אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ, עֶס אִיז בַּיי דִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן דִי קְלָלָה פוּן דִי תּוֹכֵחָה (דְּבָרִים כח, לד): ״וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה״, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע פוּן זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן; זָאג דוּ אַלֵיין, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שִׁגָּעוֹן? הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט בֶּעסֶערְ׳ס וָואס צוּ טוּן ווִי זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״, טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת, ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט זִיךְ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן ווִי רַשִׁ״י זָאגְט: טְרַאכְטְן פוּן פְּרוּיעֶן, ״קָשִׁים לְהַכְחִישׁ אֶת בְּשָׂרוֹ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ שֶׁל מַעֲשֶׂה״, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס מַאכְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, עֶס הַרְגְ׳עְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא פַּאר דִיר, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, דֶער יֵצֶר הָרָע פְלַאקֶערְט אִין מִיר, עֶר אִיז מִיךְ מַכְשִׁיל מִיט קוּקְן אוֹיף פְּרוּיעֶן, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה, אִיךְ פַּייניג זִיךְ מִיט דִמְיוֹנוֹת פוּן טוּן עֲבֵירוֹת מִיט** (זָאג אַרוֹיס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס). **הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֶוער**

פַארְבְּרֶענְט, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען וֶועט אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה אוּן טוּן אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן נִיאוּף אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן שִׂמְחָה פַארְטְרַייבְּט דִי מַחֲשָׁבוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן נָטַע פוּן אוּמַאן, אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. נָאכְדֶעם הָאבְּן אִים דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם פַארְכַאפְּט קַיין סִיבִּיר, עֶר הָאט דָארְט בַּאקוּמֶען אַן אַמְט אִין אַן אָפִּיס, צוּ בַּאדִינֶען דִי רוּסִישֶׁע גֶענֶערַאלְן, דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט אַ גוֹי'אִישֶׁע מֵיידְל, אַ גַלְחְ'ס טָאכְטֶער, אוּן זִי הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט טָאג נָאךְ טָאג, קוּם טוּן מִיט מִיר אַן עֲבֵירָה, זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "לָאז אָפּ אִידִישְׁקֵייט; דָא אִין סִיבִּיר וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן וָואס מִיר טוּעֶן, פוּן דָא גֵייט קֵיינֶער נִישְׁט אַהֵיים", דֶער בָּחוּר נָטַע הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זַיין לֶעבְּן, עֶר שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָּיוֹן, עֶר גֵייט פַאלְן אִין אַ טִיפְן אָפְּגְרִינְד.

עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן אָפִּיס, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין פֶעלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיךְ! אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת פַאר דֶעם, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט! אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אָדֶער זָאלְסְטוּ מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיין נְשָׁמָה, אָדֶער מַאךְ אַ נֵס אַז אִיךְ זָאל עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען טָאג נָאךְ טָאג, זִי הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע, רַאטֶעוֶוע מִיךְ", אַזוֹי הָאט דָאס אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן אִים בַּאפְרֵייט.

פַאר עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי אִים גֶעמַאכְט אַ מְסִבַּת פְּרֵדָה,

הָאט דָאס גוֹי'אִישֶׁע מֵיידְל, דִי קְלִיפָּה, גֶעבֶּעטְן אַז זִי וִויל זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער לְכָבוֹד דִי גֶעזֶעגֶענֶען, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַ צַדִּיק, אִיז עֶס דֶער בָּחוּר! אִיךְ הָאבּ אִים גֶעמוּטְשֶׁעט טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט".

נָטַע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין אִיבֶּערְגֵייאַכְטְס, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס פַאר אַ נִסָּיוֹן עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט אַלֵיין גֶעהֶערְט פוּן עֶלְטֶערֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵוינְט וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "פוּן עֶנְק, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אִיךְ וֵויס וֶוען נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - וָואלְט אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן"; אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט עוֹמֵד גֶעוֶועז בְּנִסָּיוֹן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי לִיפְּן זַיינֶע הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת, תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וָואס אִיז דִי יְסוֹד פוּן הַצְלָחָה אִין אַ נֵייעֶ בִּיזְנֶעס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ לֵיין אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בַּאלֶעק זִיךְ מַמָּשׁ מִיט יֶעדֶעס וָוארְט, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ בִּיזְנֶעס, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה אוּן אַ בְּרָכָה. וָואס אִיז דִי יְסוֹד צוּ הַצְלָחָה?

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אוּן בִּיטֶע נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערֶע זַאכְן, ווייל אִיךְ וִויל עֶס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, מוֹהֲרַא״ש זָאגְט: ״וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן - וֶועט הָאבְּן אַ דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן״, עֶר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, רֶעד אֵיידְל צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְנִיעוּת, סִימָן סד): ״הַצְּנִיעוּת מְסֻגָּל לַעֲשִׁירוּת״, זִיךְ פִירְן אֵיידְל, רֶעדְן אֵיידְל - אִיז מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת.

זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זַיי מַקְפִּיד אוֹיף נְטִילַת יָדַיִם, וֶועלְן אַלֶע שְׁרֶעק אַוֶועקְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶען זַיין דַיין שְׁרֶעק קוּמְט פוּן זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן דִי הֶענְט וֶוען מֶען דַארְף. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ד׳, סְעִיף יט), וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אִין בֵּית הַכִּסֵּא דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען בָּאדְט זִיךְ, אוּן וֶוען מֶען שֶׁערְט דִי נֶעגְל אָדֶער מֶען שֶׁערְט דִי הָאר, אוֹיךְ וֶוען מֶען טוּט אוֹיס דִי שִׁיךְ, אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער אוּן מֶען נֶעמְט אַרוֹיס בְּלוּט, אָדֶער מֶען גֵייט אִין בֵּית הַחַיִּים - דַארְף מֶען זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן עֶס שְׁטֵייט (שָׁם) אַז אוֹיבּ מֶען וַואשְׁט זִיךְ נִישְׁט דִי הֶענְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי נֶעגְל אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגָאסְן דִי הֶענְט - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁרֶעק פַאר אַ טָאג אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וָואס מֶען שְׁרֶעקְט זִיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר אוּן מֶען וַואשְׁט נִישְׁט דִי הֶענְט - הָאט מֶען שְׁרֶעק פַאר דְרֵיי טֶעג.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף נְטִילַת יָדַיִם, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶועלְן אַלֶע שְׁרֶעק אַוֶועק גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די וַוייב טוט זיך אָן צו שְׁטַארְק צְנִיעוּת'דִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ', אַז דַיין וַוייבּ טוּט זִיךְ אָן גָאר צְנִיעוּת'דִיג, נָאךְ מֶער וִוי מֶען דַארְף גֵיין, שׁוֹין אִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דָאס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ אוּן דָאס קְלַאפְּט אוֹיס אוֹיף דִי שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ; זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְרִימֶען אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן. וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִיז דָאס - אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט חוֹשֵׁשׁ - נֶערְוֶועָן, זָאלְסְטוּ ווִיסְן דֶעם כְּלַל, אַז נֶערְוֶועְן קֶען מֶען נִישְׁט הֵיילְן נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ גוּטֶע וֶועטֶער, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן דִי פְרֵיילִיכְקֵייט מַאכְט לוּפְטִיג דִי מֹחַ בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט; אִיז דָאס נִישְׁט נֶערְוֶועְן, נָאר אַ שִׁיטָה, אַ פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטָה - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין בְּכֹחַ, מֶען מוּז גֵיין מִיט סַבְלָנוּת אוּן חָכְמָה, אוּן נָאר דוּרְךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן שִׂמְחָה קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן יֶענֶעמְ'ס שִׁיטָה.

גֶעבּ אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט קַארְגְן אוּן אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת; אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרַיין דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט נֶעכְטְן, אוּן עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס זָאגְן נָאכְאַמָאל; זָאלְסְט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער בְּלִי שִׁיעוּר, אַזוֹי וֶועט זִי וֶוערְן מִיט דִיר אֵיינְס, וֶועט זִי טוּן דַיין ווִילְן אוּן עֶנְק בֵּיידֶע וֶועלְן טוּן נָאר דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי וַואשְׁט מֶען נֶעגְל וַואסֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נְטִילַת יָדַיִם - נֶעגְל וַואסֶער - וַואשְׁט מֶען מָאל דְרֵיי מָאל יֶעדֶע הַאנְט בְּסֵרוּגִין,

אֵיין מָאל דִי רֶעכְטֶע אוּן נָאכְדֶעם דִי לִינְקֶע, אוּן נָאכְאַמָאל דִי רֶעכְטֶע אוּן נָאכְדֶעם דִי לִינְקֶע, אוּן נָאכְאַמָאל דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן נָאכְדֶעם דִי לִינְקֶע, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט גִיסְן אוֹיף אֵיין מָאל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זֵייעֶר אַסַאךְ וַואסֶער אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דִי לִינְקֶע - וֶועט דִי רוּחַ רָעָה נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט גִיסְן אוֹיף אֵיינְמָאל אַסַאךְ וַואסֶער, מֶען קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דִי רוּחַ טוּמְאָה נָאר בְּסֵרוּגִין.

אוֹיךְ אִיז דָא וָואס לֵייגְן צוּ אַ פֶערְטֶע מָאל אוֹיף בֵּיידֶע הֶענְט, אָבֶער דָאס אִיז שׁוֹין נָאר אַ מִנְהָג, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא וָואס וַואשְׁן קוֹדֶם דְרֵיי מָאל יֶעדֶע הַאנְט בְּסֵרוּגִין אוּן נָאכְדֶעם וַואשְׁט מֶען נָאכְאַמָאל דְרֵיי מָאל דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן דְרֵיי מָאל דִי לִינְקֶע הַאנְט נִישְׁט בְּסֵרוּגִין.

רֶעדְט צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן נֶעגְל וַואסֶער, ווייל ווִי פְרִיעֶר מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין זֵיי - וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

שַׁבָּת שַׁארְט מֶען נִישְׁט קַיין שְׁנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אַבִּיסְל אִיז גוּט, וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הָרַב ... שְׁלִיטָ״א**

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס אִיז מִיר נִתְחַדֵּשׁ גֶעוָוארְן הַיינְט בַּיים לֶערְנֶען סֵפֶר מִשְׁלֵי.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, טז): ״טוֹב מְעַט בְּיִרְאַת ה׳״, עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ הָאבְּן וֵוייניג פַארְמֶעגְן וָואס מֶען פַארְדִינְט עֶרְלִיךְ, ״מֵאוֹצָר רָב וּמְהוּמָה בוֹ״, פוּן אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען הָאט זֵיי בַּא׳גַנֶב׳עֶט.

אֶפְשָׁר לוֹמַר, מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. מוֹהַרְנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט נֵייעֶ זַאכְן, אַז

'אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט', אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן נִישְׁט אִין עֶרְלִיכֶע זַאכְן, אִיז וַוייל מֶען וִויל נָאר שְׁלֵימוּת, מֶען וִויל טוּן אַסַאךְ, טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל צְדָקָה, אַבִּיסְל שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַבִּיסְל שִׂמְחָה - וָואלְט מֶען גֶעטוּן אַבִּיסְל, מִיט נָאךְ אַבִּיסְל, מִיט נָאךְ אַבִּיסְל, אוּן אַזוֹי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַסַאךְ".

דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "טוֹב מְעַט", אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַבִּיסְל, מֶען וֵוייסְט אַז אַבִּיסְל אִיז גוּט, "בְּיִרְאַת ה'", אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען וֶועְרט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אַז מֶען וִויל נָאר "מֵאוֹצָר רָב", מֶען וִויל אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר, מֶען וִויל נָאר אַסַאךְ, נָאר שְׁלֵימוּת הָאט אַ חֲשִׁיבוּת, "וּמְהוּמָה בוֹ", אִיז דָאס לֶעבְּן מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן, מַחֲלֹקֶת, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אַז מֶען גְלֵייבְּט אִין וָואס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אוּנְז מְגַלֶּה, דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן אַבִּיסְל, "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אַלֶעס צוּרִיק גֵיין צוּם גוּטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אַייךְ מְחַזֵּק אוּן זַייט מְחַזֵּק עֶנְקֶער טָאכְטֶער אַז דָאס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן. מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעס לְטוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס אִיז דִי גוּטְס - אִיז דָאס אוֹיךְ פַאר דִי טוֹבָה; וַוארְטְס דִי פָּאר וָואכְן וָואס עֶר הֵיילְט זִיךְ, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אַלֶעס צוּרִיק גֵיין צוּם גוּטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט זִינְגֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל

עוֹלָם, אָנָא אֶמְצָאֶךָ, אַוואו טַאטֶע זִיסֶער קֶען אִיךְ דִיר גֶעפִינֶען? וְאָנָא לֹא אֶמְצָאֶךָ, און אַוואו טַאטֶע זִיסֶער קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעפוּנֶען? אַז סְ'אִיז גוּט - אִיז דָאךְ דוּ, און אַז חָלִילָה פַארְקֶערְט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, און אַז סְ'אִיז דוּ - אִיז דָאךְ גוּט, און אַז סְ'אִיז גוּט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, קוּמְט אוֹיס אַז שְׁטֶענְדִיג אִיז דוּ, דוּ און נָאכְאַמָאל דוּ"; דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זִינְגֶען דִי נִיגוּנִים מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זֵיי, און חַזֶר'ן מִיט זֵיי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים, וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן און עֶר פַארבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג און יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם כֵּן טוֹב", און אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים אוֹיךְ גוּט,"כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן און אִים הֶעלְפְן. וַוייל 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר', "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט - הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

זַייט אַייךְ מְחַזֵּק אוּן זַייט מְחַזֵּק עֶנְקֶער טָאכְטֶער; יֶעצְט קוּמְט יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶועט מֶען זֶען דִּי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִּי תְּפִלָּה, וֶועט אִיר זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, אִיךְ דַארְף כֹּחַ אוּן שִׂמְחָה זֵיי צוּ קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן, זֵיי קָאכְן עֶסְן, זֵיי מַאכְן רֵיינֶע וֶועשׁ, זֵיי גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ אַ נֵס, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן אוּן אִיךְ וֶועל הָאבְּן כֹּחַ צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַ וַוייבּ פַאר מַיין מַאן, אָמֵן".

זָאגְט דִּי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זֶען וִוי נָאךְ אַפָּאר טֶעג וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן, אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן בֶּעסֶער.

...

**רֶעד צוּ אִיר וִוי אַ קֶענִיג רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיגְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ הָאט פַארְלוֹירְן צְוֵוייא מָאל וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִירֶע גֶעפִילְן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין אוּן הַארְצִיג. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד" דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דֶעם, "לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים" צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אִינְגֶעלַייט, "כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה" אַזוֹי קֶען עֶר נָאכְדֶעם אַרַיינְכַאפְּן דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן אִין זַיין נֶעץ, זֵיי צוּ מַאכְן זִינְדִיגְן, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד" וַוייל עֶר לָאקֶערְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, "לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם" זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

פֶּסַח זָאגְן מִיר דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אוּנְז, "עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם", אוּן אַז מֶען טְרַאכְט צוּרִיק, מֶען אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אַ פְּלַג גוּף, מֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט אַלֵיין, נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "וַיּוֹצִיאֵנוּ ה׳ אֱלֹקֵינוּ מִשָּׁם", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, הַיינְט בִּיסְטוּ אַן אָדָם הַשָּׁלֵם; יֶעצְט דַארְפְסְטוּ נָאר זֶען אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק דוּרְךְ שָׁלוֹם אוּן דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען זִי הָאט צְוֵוייא מָאל נָאכְאַנאַנְד פַארְלוֹירְן וְכוּ׳ דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִיר וִוי אַ קֶענִיג רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיגְן, וֶועלְן עֶנְק שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## קוֹיף פַאר דַיין וַוייבּ דִי סָארְט קֶערִידְזְשׁ וָואס זִי וִויל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹיף פַאר דַיין וַוייבּ דִי סָארְט קֶערִידְזְשׁ וָואס זִי וִויל הָאבְּן. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, אַ קֶערִידְזְשׁ אִיז פַאר אַ פְרוֹי אַזוֹי וִוי אַ קַאר, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן וִוי אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ און וִוי מֶען גֶעבְּט אוֹיס אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ און עֶס אִיז וִויכְטִיג, און אַז דִי וַוייבּ בֶּעט אַ קֶערִידְזְשׁ דַארְף מֶען אִיר דָאס גֶעבְּן.

גֵיי יֶעדְן טָאג צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דַאנְק אִים פַאר אַלֶע נִיסִים און חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, און בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; און צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## זָאלְסְט פָארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג און שְׁטַייט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, און וֶוען דוּ מַאכְסְט אַ סִיּוּם - זָאלְסְטוּ מִיר דָאס שְׁרַייבְּן, וֶועסְטוּ מִיר גֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת. וַוייל וֶוען אִיךְ הֶער אַז תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה לֶערְנֶען און מַאכְן סִיּוּמִים - גֶעבְּט מִיר דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה און מִיט דִי קְהִילָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֵיין אִין מִקְוֶה. מוֹהַרְנַ״תּ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועְן, וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ טוֹבֵל׳ען יֶעדְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט בַּיים סוֹף הָאבְּן אַ תִּקְוָה, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן מִיט מַיין הַארְץ אַ טוֹבָה, וֶוען דוּ פָארְסְט אִין

שְׁטֶעטְל זָאלְסְטוּ פָארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אוּן שְׁטַייט. וַוייל יֶעצְט זוּמֶער וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אִין דִי גַאסְן, בִּפְרַט אִין דִי גַאס יְרוּשָׁלַיִם - דָארְט אִיז מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם שֶׁעדִיגְן אַ קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר טוּן דִי טוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, פַאר נָאךְ צְוֵויי יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא נָאךְ טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל. אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן פָארִיגֶע וָואךְ פַאר צְוֵויי יְשׁוּעוֹת, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אַ טָאג דֶערוֹיף הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע יְשׁוּעוֹת אִין בֵּיידֶע זַאכְן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט, אוּן סַיי אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט אוּן אוֹיךְ מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט מִיר דָאס אוֹיךְ גֶעזָאגְט, מִיר הָאבְּן גֶעגֶעבְּן פַאר אֲשֶׁר בַּנַּחַל פַאר צְוֵויי יְשׁוּעוֹת יֶעצְט ווילְן מִיר גֶעבְּן נָאכְאַמָאל פַאר לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי נִיסִים וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן.

שְׁטַארְק דִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט דִיר שְׁוֶוער אוּן דוּ ווִילְסְט אוֹיפְגֶעבְּן - זָאלְסְטוּ זִיךְ זָאגְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, נָאר דֶער חִילוּק אִיז מִיט וָואס אִיז דִי שְׁוֶועריְקַייט; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע טֶעג גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## זַיין גְרֵייט אוֹיף בַּארֶעדְן און פַארְשֶׁעמֶען און אָפְּשְׁוַויגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן מִיר הֶעלְפְן קֶענֶען דֶעקְן דִי חוֹבוֹת פוּן דִי מוֹסָד און דִי חוֹבוֹת פוּן דִי קְהִילָה. ווִיסְן זָאלְסְטוּ, זַיין אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, און דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דִי נִישְׁט גוּטֶע צוּ מַחְלִישׁ דַעַת זַיין און מַאכְן בִּלְבּוּלִים וְכוּ'.

הָאסְט מִיר פַארְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט שַׁיין גֶערֶעדְט צוּ הָאבְרֵךְ ...., אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אִים רוּפְן אִיבֶּערְבֶּעטְן, ווַייל וֶוער עֶס הֶעלְפְט מִיר בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת און דִי קְהִילָה, נֶעם אִיךְ זִיךְ אוֹיס אַ תְּנַאי כָּפוּל, נָאר אַז מֶען קֶען סוֹבֵל זַיין אַנְדֶערֶע און זַיין גְרֵייט אוֹיף בַּארֶעדְן און פַארְשֶׁעמֶען און אָפְּשְׁוַויגְן, נָאר אַזוֹי אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס הֶעלְפְן, בִּפְרַט אַזַא אִינְגֶערְמַאן ווִי ... ווָאס עֶר אִיז אוּנְז זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, און ווַייל אֵיינֶער אִיז דִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרָע אַז מֶען שְׁפֶּעט אוּנְטֶער דַיין רוּקְן, ווָאלְסְט גֶעדַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן.

אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר אַ שַׁארְף ווָארְט - זָאלְסְטוּ יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, עֶס גֵייט אִיבֶּער הַיינְטִיגֶע טֶעג אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ; קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט שְׁלֶעכְט; מֶען דַארְף קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, און נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף גֵיין הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס ווָאס דוּ הֶעלְפְּסְט דִי מוֹסָד, סַיי בַּיים יֶערְלִיכְן אַנְשֵׁי חַיִל קָאמְפֵּיין און סַיי מִיט קִמְחָא דְפִסְחָא, און מִיט אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר דַארְף אֵיין זַאךְ, לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן ווִי אִיר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְל וָואס גַנְבְ'עֶט, אוּן וָואס מֶען טוּט אַלְץ מִיט אִיר הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט; אִיר שְׁרַייבְּט אִיר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיפְן קִינְד, רִיכְטִיג אִיז אִיר זָאלְט רוּפְן דִי טַאטֶע אוּן דֶערְצֵיילְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט דָאס נִישְׁט אָפּ וֶוען מֶען אִיז יוּנְג - קֶען דָאס זַיין זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ שְׁפֶּעטֶער.

אִיר דַארְפְט רֶעדְן צוּ דִי מְנַהֶלֶת אוּן אִיר קֶענְט אִיר וַוייזְן דִי בְּרִיוו אוּן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן ווִי אַזוֹי דָאס אַיינְצוּמֶעלְדְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט דָאס לָאזְן לוֹיפְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען וֶועט נִישְׁט טוּן פַאר דֶעם, וָואס וֶועט זַיין וֶוען דִי מֵיידְל וֶועט וֶוערְן עֶלְטֶער...

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידוֹת אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי מִצְוֹת, צוּ אֵיידְלְקֵייט, צוּ גֵיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער נִישְׁט קַיין קוּרְצֶע, צוּ גֵיין מִיט שֵׁיינֶע קָאלִירְן נִישְׁט קַיין פְּרָאסְטֶע, צוּ גֵיין פַארְמַאכְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, אוּן מִיט עֶרְמְל בִּיז דִי בֵּיין, וַוייל דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר דַארְף אֵיין זַאךְ: "לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט", אוּן אַז מֶען וַוייזְט זֵיי אַז לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט אִיז אִין דִי תּוֹרָה - וֶועלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, אַז זַייט דוּ הָאסְט דֶערְצֵיילְט פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים פוּן דַיינֶע פַארְדִינְסְטְן - הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי שֶׁפַע, אוֹיבּ דָאס הָאט אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן; וִויסְן זָאלְסְטוּ, אֲפִילוּ בַּיי נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן קֶען זַיין אַמָאל אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, און דָאס קֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי שֶׁפַע.

דֶערִיבֶּער פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן וָואס מֶער צוּ בַּאהַאלְטְן דַיין הַצְלָחָה, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא מב.): "אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה אֶלָּא בְּדָבָר הַסָּמוּי מִן הָעַיִן", דִי בְּרָכָה אִיז נִישְׁט חָל נָאר בַּיי זַאכְן וָואס זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט פוּן דִי אוֹיג; וָואס דַארְפְן דַיינֶע חֲבֵרִים וִויסְן וִויפִיל גֶעלְט דוּ פַארְדִינְסְט? וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? וָואס וֵוייסְטוּ וֶוער אִיז דִיר מְקַנֵּא? און וֶוער עֶס שְׁטֶעלְט אָפּ דִי שֶׁפַע פוּן קוּמֶען וַוייטֶער? וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִיר וָואס אִיז מִיט דַיין פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ זָאגְן: "שְׁכּ֫חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען לֵייגְן בְּרוֹיט אוֹיפְן טִישׁ, שְׁכּ֫חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען צָאלְן שְׂכַר לִימוּד"; מֶער דַארְפְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן.

פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, פִּינְקְטְלִיךְ וִויפִיל גֶעלְט דוּ מַאכְסְט און אִים דַאנְקֶען און בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

בִּזְכוּת וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְכַבֵּד דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דוּ גֶעבְּסְט אוֹיף זֵיי זֵייעֶר אַכְטוּנְג - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## בַּאוּוילִיגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי דִי הַגָּדָה זָאגְן מִיר: "וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ", אַז מֶען וֵוייסְט 'וְעַכְשָׁו' מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי - 'קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ', קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר פִּירְן זִיךְ אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן הוֹיךְ דִי סִימָנִים: "קַדֵּשׁ וּרְחַץ כַּרְפַּס" און אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ נִרְצָה, און בַּיי נִרְצָה זָאגְן דִי קִינְדֶער: "וֶוער עֶס טוּט דִי אַלֶע זַאכְן דֶער אִיז בַּאוּוילִיגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", מִיר שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעטוּן דִי אַלֶע זַאכְן, מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי הֵיילִיגֶע הַגָּדָה, דָאס אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע וָואס מֶען דַארְף, אַרַיינְבַּאקֶן אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## רוּפְן און רֶעדְן מִיטְן טַאטְן יֶעדְן טָאג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט רוּפְן דַיין טַאטֶע יֶעדְן טָאג. דַיין טַאטֶע אִיז אַן עֶלְנְדֶער, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְן נִישְׁט מִיט אִים, נָאר דוּ מִיט דִי שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹת אוּן לֵייגְן אַלֶע אֵייגֶעְנֶע נְגִיעוֹת אִין דֶער זַייט - בִּיסְטוּ דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער קִינְד וָואס רֶעדְט מִיט אִים, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוּן מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אִים רוּפְן יֶעדְן טָאג, שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל מִיט אִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין נָאךְ שַׁחֲרִית דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי מְנִיעוֹת מַאכְט חֵשֶׁק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַ וֵוייטָאגְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, וֶוען דַיין טַאטֶע אַלֵיין אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ אַלְס בָּחוּר אוּן גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ מִיט עַזוּת דִקְדֻשָּׁה, אוּן עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט, עֶר הָאט גֶעקוּקְט וָואס אִיז גוּט פַאר זַיין נְשָׁמָה, פַאר זַיין תַּכְלִית, פַאר זַיין נִצְחִיוּת, אוּן יֶעצְט וֶוען עֶנְק הָאבְן גֶעוָואלְט קוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לָאזְט מֶען נִישְׁט; דִי ווְאוּנְדֶער אִיז נָאךְ מֶער, וֶוען דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר לֶעבְּט אוֹיף דִי הִתְחַזְקוּת וָואס מֶען לֶערְנְט דָא בַּיי אוּנְזֶער חֵדֶר, אָבֶּער בִּיז דִי קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ ווְאוּנְדֶער, אַ טַאטֶע פָאְרְט צוּ מִיר, גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, אוּן וֶוען זַיין זוּן ווִיל קוּמֶען - לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט קוּמֶען". דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד ר' יוּדְל

פון דַּאשׁוּב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט זַיין זוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער, אַ טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר, גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, וָואלְט עֶר וֶוען גֶעדַארְפְט מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ מִיר; נֵיין, דִי קִינְדֶער נִישְׁט".

יֶעצְט זֶעסְטוּ קְלָאר אַז דָאס נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען אִיז נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס מְקוֹרָבִים, תַּלְמִידִים - מוּזְן אַרִיבֶּערְגֵיין, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן צַדִּיק, נָאר אַז עֶס אִיז דָא אַ חֵשֶׁק, אוּן חֵשֶׁק וֶוערְט נָאר דוּרְךְ מְנִיעוֹת, אוּן אַזוֹי קֶענֶען דִיר מֵעִיד זַיין אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער פוּן דִי עֶלְטֶערְן בַּיים קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דָאס אִיז נָאר לְהַגְדִּיל הַחֵשֶׁק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סו).

זַיי מְחַזֵּק דַיין בְּרוּדֶער עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל אוֹיף קֶענֶען קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיים רֶבִּי'ן אִין יְשִׁיבָה, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.

דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב

הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין 'וָואס אִיז דִי תַּכְלִית פוּן דִי וֶועלְט? וָואס הָאט מֶען פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת וְכוּ'?' עֶס בְּלַייבְּט דָאךְ גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין בָּזֶה הָעוֹלָם.

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען זָאל ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען טְרַאכְטְן נָארְמַאל וְכוּ', וַוייל דֶער מֹחַ אִיז אִים מְצוּמְצָם, "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט קֶען עֶר טְרַאכְטְן גְרַאד וְכוּ', וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער מֹחַ בְּרֵייט אָפְן אוּן נִישְׁט מְצוּמְצָם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוֹי, פוּן דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג), אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּ' וּמְחַזֵק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קוּם נִישְׁט קַיין אַמֶעריקֶע, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר, וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

בְּנוֹגֵעַ שִׁידוּכִים וְכוּ'; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, און נְבִיאִים און אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", און אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

זָארְג נִישְׁט, דַיין שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, דוּ הַאלְט אָן וַוייטֶער דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דוּ זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און מִיט דִי סְגוּלוֹת פוּן רֶבִּי'ן, טוּ דִי סְגוּלָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף, וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה (עֶס

איז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לְחַנוּכָּה), אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאגְן דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְשִׂיאִים" זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעמַאכְט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר

צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט׳ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפ׳ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶעבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אָדֶער טֶעבְּלֶעט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ'.

יֶעצְט פֶּסַח וֶוען מֶען רוֹימְט אוֹיס דִי חָמֵץ און וֶוען יֶעדֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר, און אַזוֹי אוֹיךְ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב, און אוֹיךְ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דֶעם יַם סוּף - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס; דִיךְ, דַיין וַוייבּ און דַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. דִי נִסָּיוֹן פוּן דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר אִיז טֶעכְנָאלָאגְיֶע, דִי קְלֵיינֶע טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, אֵייפַּאד וְכוּ', דָאס אִיז דִי נִסָּיוֹן, דָאס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן און פוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶנְדֶערְשׁ זָאל אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן טְרִיקֶענֶע שְׁוַוארְצֶע בְּרוֹיט און זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת און הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, רֵיינֶע מֹחַ, רֵיינֶע אוֹיעֶרְן, וְוִי אֵיידֶער הָאבְּן אַ פַּרְנָסָה וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן און זֶען טָאג און נַאכְט לֵיצָנוּת, און עֲבֵירוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל דִיר וַוייזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן וְוִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען גָאר וַוייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן אַז אִיר לֵיינְט יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח:) וֶוער עֶס גֵייט שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אַזוֹי וִוי עֶר שְׁלָאפְט אִין אַ גוֹי'אִישֶׁע בֶּעט, אוּן דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע מַזִּיקִין (שָׁם ה.).

לֵיינְט יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז "כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי". אוּן וֶוען אִיר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט אִיר זָאגְן דִי גַאנְצֶע קְרִיאַת שְׁמַע.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ מַאמֶע, וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַ מַאמֶע. כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִלּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מִיךְ מְכַבֵּד. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם לא:), אוֹיפְן הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב יוֹסֵף וָואס אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען וֶוען זַיין מַאמֶע קוּמְט אַרַיין עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אִיר, נָאר וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן אִירֶע פִּיס טְרִיט הָאט עֶר גֶעוואוּסְט זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן גֶעזָאגְט: "אֵיקוּם מִקַּמֵּי שְׁכִינָה דְּאָתְיָא", אִיךְ גֵיי זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר דִי כָּבוֹד פוּן דִי שְׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַרוּיפְלֵייגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל הַלָּשׁוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט ווַייטֶער אַרוּיפְלֵייגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל הַלָּשׁוֹן.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשׁ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן זֵיי פָּשׁוּט לֶעבְּן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אוּן אַרוּיפְלֵייגְן דִי שִׁיעוּרִים - וֶועט דָאס זַיין דַיין זְכוּת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס בָּזֶה וּבַבָּא. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט טְרִינְקֶען, וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דָאס טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן אוּן אוֹיךְ דָאס טְרִינְקֶען ווַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג:), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶער וָואס טְרִינְקְט נִישְׁט אוּן וֶוערְט נִישְׁט שִׁיכּוֹר; ווַייל דוּרְךְ טְרִינְקֶען ווַיין אוּן בְּרוֹינְפְן - פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי תּוֹרָה.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דָאס טְרִינְקֶען - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת. ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע.): "נַעֲשֶׂה רָשׁ", דוּרְךְ טְרִינְקֶען ווַיין וֶוערְט מֶען אָרֶעם.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה), דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ שִׂמְחָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בְּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַלֶע פְרֶעגְן, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, פְּשַׁט אִיז, וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר לֶעבְּט מִיט דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ - וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן.

זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ אוּן דוּ בִּיסְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דִיר, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס בִּיסְטוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ טוּט מֶען אָן די וַוייסֶע קִיטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָארְגְן נאכְט אִיז בְּדִיקַת חָמֵץ, עַל פִּי הֲלָכָה וֶוען עֶס וֶוערְט נאכְט טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, מֶען דַארְף בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין. מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ די יָאר אַזוֹי ווי אַלֶע יָארְן, מֶען מַאכְט די בְּרָכָה, און נָאכְן עֶנְדִיגְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין זָאגְט מֶען כָּל חֲמִירָא וְכוּ'. פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי פִּירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי ווי אַלֶע יָארְן עֶרֶב פֶּסַח, מֶען פַארְבְּרֶענְט די חָמֵץ, מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין חָמֵץ, נָאר לֶחֶם מִשְׁנֶה פַאר די שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָאס צוּ לֵייגְן אִין אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלַאץ.

מָארְגְן אִיז תַּעֲנִית בְּכוֹרִים, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ בְּכוֹר, אָדֶער דוּ הָאסְט אַ קִינְד אוּנְטֶער די בַּר מִצְוָה אַ בְּכוֹר - דַארְף מֶען מָארְגְן מְסַיֵּים זַיין, אָדֶער הֶערְן אַ סִיוּם, אַז נִישְׁט - דַארְף מֶען פַאסְטְן.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הוֹיבְּן מִיר אָן די סֵדֶר מִיט: "קַדֵּשׁ, וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל טוּט עֶר זִיךְ אָן די וַוייסֶע קִיטְל", שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט רוּפְט מֶען 'די סֵדֶר נַאכְט', ווייל דָאס אִיז אַ סֵדֶר פַאר די גַאנְצֶע יָאר, אֶפְשָׁר לוֹמַר, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נד): "תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ", די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי, "מִיָּד כְּשֶׁיִּפְתַּח אֶת עֵינָיו", גְלַייךְ וֶוען מֶען עֶפְנְט די אוֹיגְן, "קֹדֶם שֶׁיַּעֲשֶׂה שׁוּם דָּבָר", אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן עֶפֶּעס טוּן, "יַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ תֵּכֶף בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט; דָאס אִיז די וַוייסֶע קִיטְל וָואס דֶערְמַאנְט פוּן די תַּכְרִיכִים, דָאס אִיז קַדֵּשׁ, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז.):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**זָאגְן בַּיים סֵדֶר 'פִּקּוּדָא בָּתַר דָּא', און עֶס אִיבֶּערְטַייטְשְׁן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ, בַּיי מַגִּיד זָאגְן מִיר דִי שְׁטִיקְל זוֹהַר פוּן פַּרְשַׁת בֹּא (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:), הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען דִיר עֶס טַייטְשְׁן אִין אִידִישׁ אַז דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ זָאגְסְט, דָא הָאסְטוּ אַ שְׁטִיקְל פוּן סֵפֶר 'חָזִיתָ אִישׁ':

'פִּקּוּדָא בָּתַר דָּא' דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִצְוָה אִיז, 'לְסַפֵּר בִּשְׁבָחָא דִיצִיאַת מִצְרַיִם' צוּ דֶערְצֵיילְן דִי לוֹיבּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, 'דְאִיהוּ חִיּוּבָא עַל בַּר נָשׁ' וַוייל עֶס לִיגְט אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ פְלִיכְט, 'לְאִשְׁתָּעֵי' צוּ שְׁמוּעֶסְן, 'בְּהַאי שְׁבָחָא' פוּן דִי לוֹיבּ, 'לְעָלְמִין' שְׁטֶענְדִיג, 'הָכִי אוֹקִימְנָא' אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט, 'כָּל בַּר נָשׁ' יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, 'דְאִשְׁתָּעֵי' וָואס דֶערְצֵיילְט, 'בִּיצִיאַת מִצְרַיִם' פוּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, 'וּבְהַהוּא סִפּוּר חַדֵּי בְּחֶדְוָה' אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי דֶערְצֵיילוּנְג, 'זַמִּין אִיהוּ' אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעגְרֵייט, 'לְמֶחֱדֵי' זִיךְ צוּ מִיט פְרֵייעֶן, 'בִּשְׁכִינְתָּא' מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'לְעָלְמָא דְאָתֵי' אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, 'דְהוּא חֵדוּ מִכֹּלָּא' וָואס דִי פְרֵייד אִין עוֹלָם הַבָּא אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְרֵייד וָואס אִיז נָאר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, 'דְהַאי אִיהוּ בַּר נָשׁ דְחַדֵּי בְּמָרֵיהּ' וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פְרֵייט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהוּא סִפּוּר' אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן דִי נִיסִים, 'בֵּיהּ שַׁעֲתָא' אִין פֶּסַח בַּיינַאכְט, וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאגְן דִי הַגָּדָה, מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם - 'כָּנִישׁ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא' נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּזַאמֶען 'לְכָל

פָּמַלְיָיא דִילֵיהּ׳ אַלֶע זַיינֶע מַלְאָכִים, ׳וְאָמַר לוֹן׳ אוּן זָאגְט זֵיי, ׳זִילוּ׳ גֵייט, ׳וּשְׁמָעוּ׳ אוּן הֶערְט אוֹיס, ׳סִפּוּרָא׳ ווי מֶען פַארְצֵיילְט, ׳דִשְׁבָחָא דִילִי׳ פוּן מַיין לוֹיב, ׳דְקָא מִשְׁתָּעוּ בָּנַי׳ ווי מַיינֶע קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן דִי נִסִים, ׳וְחַדָאן בְּפוּרְקָנִי׳ אוּן זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מַיין גְאוּלָה, וָואס פַּאסִירְט דַאן ? ׳כְּדֵין כֻּלְהוּ מִתְכַּנְשִׁין׳ אַלֶע מַלְאָכִים נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, ׳וְאַתְיָין׳ אוּן זֵיי קוּמֶען, ׳וּמִתְחַבְּרִין בַּהֲדַיְיהוּ דְיִשְׂרָאֵל׳ אוּן זֵיי בַּאהֶעפְטְן זִיךְ מִיט אוּנְז אִידְן, ׳וּשְׁמָעוּ סִפּוּרָא דִשְׁבָחָא׳ אוּן זֵיי הֶערְן ווי מִיר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳דְקָא חַדָאן בְּחֶדְוָא דְפוּרְקָנָא דְמָרֵיהוֹן׳ אוּן ווי מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן, ׳כְּדֵין אַתְיָין׳ דֶעמָאלְט קוּמֶען זֵיי אַלֶע, ׳וְאוֹדָן לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא׳ אוּן זֵיי לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳עַל כָּל אִינוּן נִסִּין׳ אוֹיף אַלֶע ווּאוּנְדֶער, ׳וּגְבוּרָן׳ אוּן אוֹיף דִי שְׁטַארְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳וְאוֹדָאן לֵיהּ׳ אוּן זֵיי לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳עַל עַמָּא קַדִישָׁא דְאִית לֵיהּ בְּאַרְעָא׳ אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע פָאלְק, ׳דְחַדָאן בְּחֶדְוָה דְפוּרְקָנָא דְמָארֵיהוֹן׳ וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי נִסִים, ׳כְּדֵין׳ פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאגְן דִי הַגָּדָה, מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳אִתּוֹסָף לֵיהּ׳ וֶוערְט פַּארְמֶערְט, ׳חֵילָא וּגְבוּרְתָּא לְעֵילָא׳ דָאס שְׁטַארְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳וְיִשְׂרָאֵל בְּהַהוּא סִפּוּרָא יַהֲבֵי חֵילָא לְמָארֵיהוֹן׳ אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מַאכְן שְׁטַארְק כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳כְּמַלְכָּא׳ אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג, ׳דְאִתּוֹסָף חֵילָא וּגְבוּרְתָּא׳ וָואס וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער, ׳כַּד מְשַׁבְּחִין גְבוּרְתֵּיהּ׳ וֶוען מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס ווי שְׁטַארְק עֶר אִיז, ׳וְאוֹדָן לֵיהּ׳ אוּן וֶוען מֶען לוֹיבְּט אִים, ׳וְכֻלְהוּ דַחֲלִין מִקָּמֵיהּ׳ אוּן אַלֶע בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע מוֹרָא פַאר אִים, ׳וְאִסְתַּלָּק יְקָרֵיהּ עַל כֻּלְהוּ׳ אוּן זַיין כָּבוֹד וֶוערְט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

׳וּבְגִין כָּךְ׳ אוּן דֶערְפַאר, ׳אִית לְשַׁבְּחָא וּלְאִשְׁתָּעֵי בְּסִפּוּר דָא׳ דַארְף מֶען לוֹיבְּן אוּן דֶערְצֵיילְן דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, ׳כְּמָה דְאִתְּמַר׳ אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, ׳כְּגַוְונָא דָא׳ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ, ׳חוֹבָה אִיהוּ עַל בַּר נָשׁ׳ לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף יֶעדֶע מֶענְטְשׁ, ׳לְאִשְׁתְּעֵי תָּדִיר׳ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג, ׳קָמֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא׳ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳וּלְפַרְסוּמֵי נִיסָא׳ אוּן

צוּ דֶערְצֵיילְן דִי נֵס, 'בְּכָל אִינּוּן נִיסִּין דְּעָבַד' פוּן אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, 'וְאִי תֵּימָא' אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, 'אֲמַאי אִיהוּ חוֹבָתָא' פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס דָאס צוּ טוּן, 'וְהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יָדַע כֹּלָּא' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, 'כָּל מַה דְּהֲוָה' אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, 'וִיהֱוֵי לְבָתַר דְּנָא' אוּן אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין, 'אֲמַאי פִּרְסוּמָא דָא קָמֵיהּ' וָואס פֶּעלְט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן דָאס אַלֶעס, 'עַל מַה דְּאִיהוּ עָבַד' וָואס עֶר אַלֵיינְס טוּט, 'וְאִיהוּ יָדַע' אוּן עֶר אַלֵיינְס וֵוייסְט? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: 'אֶלָּא וַדַּאי אִצְטְרִיךְ בַּר נָשׁ לְפַרְסוּמֵי נִיסָא' אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַארְצֵיילְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וּלְאִשְׁתָּעֵי קָמֵיהּ בְּכָל מַה דְּאִיהוּ עָבַד' אוֹיף אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן, 'בְּגִין דְּאִינּוּן מִלִּין סַלְקִין' וַוייל דִי אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, 'וְכָל פָּמַלְיָא דִּלְעֵילָּא מִתְכַּנְּשִׁין' אוּן אַלֶע מַלְאָכִים נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם, 'וְחָמָאן לוֹן' אוּן זֵיי זֶעעֶן, 'וְאוֹדָאן כֻּלְּהוּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא' אוּן אַלֶע הוֹיבְּן אָן דֶעמָאלְט צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְאִסְתַּלָּק יְקָרֵיהּ עָלַיְיהוּ עֵילָּא וְתַתָּא' אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט גֶעגְרוֹיסְט אוֹיף אוֹיבְן אוּן אוֹיף אוּנְטְן.

בִּיז דָא זָאגְן מִיר פֶּסַח בַּיינַאכְט אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן "הָא לַחְמָא עַנְיָא".

דֶער מִנְהָג אִיז, אַז דֶער וָואס פִירְט דֶעם סֵדֶר - זָאגְט דָאס שְׁטִיקְל בַּיי שְׁטִיקְל הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אוּן מֶען פַארְטַייטְשְׁט דָאס פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר גֶעבְּן אַבִּיסְל צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט וֶוען מֶען גֵייט דֶערְצֵיילְן דִי הַגָּדָה, ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס זָאגְט דָאס אוּן לֵייגְט צוּ זַיין הַארְץ צוּ דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס פַּאסִירְט פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים סֵדֶר.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער זוֹהַר זָאגְט וַוייטֶער, אַז אַ גַאנְץ יָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט זָאל עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; 'כְּגַוְונָא דָא' אַזוֹי אוֹיךְ, 'מַאן דְּאִשְׁתָּעֵי וּמְפָרֵט חֶטְאוֹי עַל כָּל מַה דְּעָבַד' זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, 'אִי תֵּימָא' אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, 'לְמָאי אִצְטְרִיךְ' וָואס פֶּעלְט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ

אַלְצְדִינְג ? 'אֶלָּא' נָאר וָואס דֶען, 'מְקַטְרְגָא קָאִים תָּדִיר קָמֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא' דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בְּגִין לְאִשְׁתְּעֵי וּלְמִתְבַּע חוֹבֵי בְּנֵי נָשָׁא' עֶר פַאר'מַסָרְ'ט דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, 'וּלְמִתְבַּע עֲלַיְהוֹן דִּינָא' אוּן עֶר זוּכְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, 'כֵּיוָן דְּאַקְדִּים בַּר נָשׁ' אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, עֶר קוּמְט עֶרְשְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וּמְפָרֵיט חֶטְאוֹי' אוּן דֶערְצֵיילְט אוֹיס זַיין הַארְץ, דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, 'כָּל חַד וְחַד' עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן זִינְד, 'לָא אַשְׁאִיר פִּטְרָא דְּפוּמָא לְהַהוּא מְקַטְרְגָא' הָאט שׁוֹין דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט וָואס צוּ פַארְ'מַסָרְ'ן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים: אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶעס, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין דָא גֶעוֶוען, עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, 'וְלָא יָכִיל לְמִתְבַּע עָלֵיהּ דִּינָא' אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט בֶּעטְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, 'דְּהָא תָּדִיר תָּבַע דִּינָא בְּקַדְמִיתָא' וַוייל שְׁטֶענְדִיג זוּכְט עֶר וואוּ מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף, 'וּלְבָתַר מִשְׁתְּעֵי וּמְקַטְרֵג פְּלוֹנִי עָבֵד כַּךְ' אוּן נָאכְדֶעם רֶעדְט עֶר אָן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶס, 'וְעַל דָּא' דֶערְפַאר, 'אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאַקְדְּמָא' דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ אִים פֶּעדֶערְן, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, 'וּלְפָרֵט חֶטְאוֹי' אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט, 'כֵּיוָן דִּמְקַטְרְגָא חָמֵי דָּא' אוּן וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, 'לֵית לֵיהּ פִּטְרָא דְּפוּמָא עָלֵיהּ' קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אִים, 'וּכְדֵין' אוּן דוּרְכְדֶעם, 'אִתְפְּרַשׁ מִנֵּיהּ מִכֹּל וָכֹל' וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר גֵייט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ; קוּק נָאךְ דִי שְׁטִיקְל זוֹהַר.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר אוּן דַאנְקְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט וֶועם מֶען רֶעדְט דֶערְצֵיילְט מֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן נִיסִים, אוּן מֶען רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט דוּרְךְ עֶסְן דִי מַצָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב.

יֶעצְט גֵייעְן מִיר עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רוּפְט אָן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה: 'עֶסְן וָואס הֵיילְט', מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט דוּרְךְ עֶסְן דִי מַצָּה אוּן צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, אוּן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן נָאר גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין אוּן מָארְגְן הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת מַכּוֹת,

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן מַסֶּכֶת מַכּוֹת, דָאס אִיז דַיין הַצְלָחָה בָּזֶה וּבַבָּא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען שֶׁפַע און הַצְלָחָה, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלז), עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, און אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעזֶען אוֹיף זַיין חָבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, עֶר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, און נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר ווִי דֶער חָבֵר הוֹיבְּט אָן מַצְלִיחַ זַיין, און עֶר אִיז גָאר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן 'פַארְוָואס אִיז יֶענֶער רַייךְ, יֶענֶער אִיז דָאךְ אַ בַּעַל עֲבֵירָה ?'

אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס שְׁטֵייעֶן אַ קוּפְּקֶע און עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גֶערוּדֶער ווִי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען און עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען זָאגְט אִים: "דִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַאר דַיין חָבֵר", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאב דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן ווִי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה ?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חָבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גֶעבְּט מֶען פַאר דַיין חָבֵר גֶעלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, ווַייל 'מָעוֹת' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה תְ'וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי תּוֹרָה", קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מִיט אַ זִיסְקֵייט זָאלְסְטוּ עֶסְן דִי מַצּוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הֶעלְפְסְט אִין חֵדֶר, דוּ גֶעבּסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, דוּ גֶעבְּסְט זֵיי לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט. דָאס אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס בּוֹיעֶט זֵיי אוֹיף זֵיי זָאלְן זַיין זֶעלְבְּסְטְזִיכֶער, זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ; דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן וֶוען דוּ גֵייסְט יוֹם טוֹב פֶּסַח עֶסְן בַּיי דַיין שְׁוֶוער, עֶר עֶסְט מַאשִׁין מִצְוַת; זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט בְּרֶענְגֶען מַצּוֹת עֲבוֹדַת יַד אוּן נִישְׁט עֶסְן קַיין מַאשִׁין מַצּוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מַצּוֹת, עֶס זָאל דִיר זַיין זִיס דִי מַצּוֹת. צַדִיקִים זָאגְן, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת יב, יח): "בָּ׳עֶרֶב׳ תֹּאכְלוּ מַצֹּת", מִיט אַ ׳זִיסְקֵייט׳ זָאלְסְטוּ עֶסְן דִי מַצּוֹת.

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף דַיין שְׁמֵייכְל אוּן גוּט וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְגֶעס נִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, בִּיסְט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק גֶעוֶוען אַ הֵיימְלָאזֶער בָּחוּר אָן קַיין מִשְׁפָּחָה, אָן גָארְנִישְׁט, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ

שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַיין וַוייבּ דַארְף פוּן דִיר נָאר אֵיין זַאךְ, זִי דַארְף דַיינֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִי דַארְף דַיין הַארְץ. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דוּ מֵיינְסְט דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְד אוּן אַז דַיין וַוייבּ דַארְף נִישְׁט דַיינֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אִין וָוארְהֵייט וַוארְט זִי אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען דוּ קוּמְסְט שׁוֹין אַהֵיים אוּן דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט. אִיז אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר דֶערְמַאנֶען אַז דוּ בִּיסְט יָא חָשׁוּב אוּן אַז דַיינֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען פַאר אִיר זֵייעֶר וִויכְטִיג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען וָואס פְּרִיעֶר, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי גֵיי דַאוֶוענֶען, לָאז אִיבֶּער אַלֶעס וָואס דַארְף וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט אוֹיף נָאכְן דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בְּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַלֶע פְרֶעגְן, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת? מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט פְּשַׁט, דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט אַז וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר הָאט חַיּוּת פוּן דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ, דֶער

וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין רֶגַע פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן, גָארְנִישְׁט טוּן - נָאר דוּ אַלֵיין מַאכְסְט אַלֶעס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בַּיי אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יָאר גֶעפַאלְט עֶרֶב פֶּסַח אוֹם שַׁבָּת, אוּן אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַרוּם, שְׁנַת תת"ה - וֶועט דָאס נָאכְאַמָאל גֶעפַאלְן אַזוֹי. שַׁבָּת דַאוֶונְט מֶען גָאר פְרִי, מֶען זָאל נָאךְ קֶענֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה פַאר סוֹף זְמַן אֲכִילַת חָמֵץ.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג דַאוֶוענְט מֶען מִנְחָה, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם אוּן מֶען זִינְגְט דִי זְמִירוֹת פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן מֶען זָאגְט דִבְרֵי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי יֶעדְן שַׁבָּת.

טַאנְץ אַ גַאנְץ שַׁבָּת אַז מִיר זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק, מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר טוּעֶן דִי ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פֶּסַח זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן פוּן אֵיין אִיד צוּם צְוֵוייטְן צִי עֶר הָאט אֶפְשָׁר אַבִּיסְל בִּיר פַאר אִים, אַלֶע הָאבְן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חַס וְשָׁלוֹם! בִּיר אִיז חָמֵץ", הָאט עֶר

גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דֶערְפַאר מֶער, צְוֵויי מָאל דֶער וֶוערְד פוּן אַ פְלֶעשְׁל בִּיר וֶועסְטוּ מִיר יָא גֶעבְּן?" הָאט מֶען אִים ווִידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין! בִּיר אִיז חָמֵץ", וֵוייסְטוּ וָואס - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב - "אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַ פְלֶעשְׁל בִּיר, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל", אָבֶער יֶענֶער הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגְע אוּן שְׁרֵייט וַוייטֶער אַז בִּיר אִיז חָמֵץ. אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גוֹי אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר הָאט אִים צוּ פַארְקוֹיפְן זַיידְן, דֶעמָאלְט הָאט דִי רֶעגִירוּנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "נֵיין, מֶען טָאר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם תְּפִיסָה", וֵוייסְטוּ וָואס - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב - "אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן זַיידְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל", הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "וַוארְט מִיךְ דָארְט אוּן דָארְט, אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען זַיידְן"; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶערוּפְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קוּק אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת יג, יז): 'וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל גְּבֻלֶךָ', עֶס זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין פָאלִיצֵיי וָואס קוּקְן דָאס נָאךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בַּיי קַיין אֵיין אִיד, (דִבְרֵי הַיָּמִים-א יז, כא): 'מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מְכַבֵּד זַיין דִי מַאמֶע

די חֲסִידִים שְׁטֵייעֶן און קוּקֶן, דֶער רֶבִּי עֶסְט פון די זוּפּ; וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? זִי הָאט דָאךְ אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין דִי זוּפּ מַצָּה, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס?!

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער שַׂר שָׁלוֹם, זִיצְט פֶּסַח נֶעבְּן זַיין מַאמֶע, דֶער צַדִּיק הַאלְט זַיין מַאמֶע זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר זֶעצְט אִיר נֶעבְּן זִיךְ, און עֶר עֶסְט מִיט אִיר פון אֵיין טֶעלֶער. וָואס אִיז דֶען דָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶער וִוי אַ מַאמֶע? וָואס אִיז דֶען מֶער טֵייעֶר וִוי אַ מַאמֶע? דִי מַאמֶע הָאט אַיינְגֶעטִינְקֶען דִי מַצָּה אִין דִי זוּפּ און דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט קַיין וָוארְט, עֶר עֶסְט וַוייטֶער דִי זוּפּ מִיט דִי מַאמֶע פון אֵיין טֶעלֶער.

דִי תַּלְמִידִים וואוּנְדֶערְן זִיךְ זֵייעֶר, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן



זִי טִינְקְט אַיין דִי מַצָה אִין דִי זוּפּ

קַיין גֶעבְּרָאקְטְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען, דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין: "נִישְׁט עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אוּן מִיר דַארְפְן דָאס הִיטְן, אָבֶער דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע אִיז נָאךְ מֶער הֵיילִיג, דָאס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן.

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

**סיינט אייך אויף עס צו**
**באקומען וועכנטליך**
**אויף די פאסט**


רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**


IDEA. 8457769664